# דער בּריװ פֿון יַעקבֿן

א יַעקבֿ, אַ קנעכט פֿון גאָט און פֿון דעם האַר יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, צו
2 די צװעלף שבֿטים, װאָס זענען אין גָלות: שָלום׳ פֿאַררעכנט
עס פֿאַר לױטער פֿרײד, מײַנע בּרידער, בּעת איר פֿאַלט אַרײַן
3 אין כָּלערלײ נִסיונות, װײַל איר װײסט, אַז דאָס אױספּרוּאװן פֿון
4 אײַער אֶמוּנה פֿירט צו געדוּלדיקײט. נאָר זאָל געדוּלדיקײט
האָבּן איר שלֵימוּתדיקע װירקוּנג, כּדי איר זאָלט זײַן שלֵימוּתדיק
5 און תָּמים, און סע זאָל אײַך גאָרניט פֿעלן. אױבֿ אָבֿער עמיצן פֿון
אײַך פֿעלט חָכמה, זאָל ער בּעטן בּײַ גאָט, װאָס גיט אַלעמען
מיט אַ פֿוּלער האַנט, און מאַכט ניט צו שאַנד, און סע װעט אים
6 געגעבֿן װערן. זאָל ער אָבֿער בּעטן אין אֶמוּנה, און ניט מסופּק
זײַן; װאָרים דער, װאָס איז מסופּק, איז װי די כװאַליע פֿון יַם,
7 געטריבֿן פֿון דעם װינט און געשלײַדערט. װאָרים יענער מענטש
8 זאָל ניט מײנען, אַז ער װעט עפּעס בּאַקומען פֿון גאָט; ער איז
אַ װאַקלדיקער מענטש, און ניט שטאַנדהאַפֿטיק אין אַלע זײַנע
9 װעגן. זאָל אָבֿער דער בּרוּדער פֿון שָפֿלן שטאַנד זיך רימען אין
10 זײַן דערהױבּענער מַדרֵגה; און דער עוֹשר מיט דעם, װאָס ער
װערט שָפֿל; מַחמת װי די בּלום פֿון דעם גראָז װעט ער פֿאַרגײן.
11 װאָרים די זון גײט אױף מיט איר היץ, און דאָס גראָז פֿאַרװעלקט,
און די בּלום דערפֿון פֿאַלט אַראָפּ, און דער חֵן פֿון איר
געשטאַלט גײט פֿאַרלױרן; אַזױ װעט אױך דער עוֹשר פֿאַרװעלקן
12 אין זײַנע װעגן. װאױל איז דעם מענטשן, װאָס האַלט אױס אַ
נסָיון; װאָרים בּעת ער װערט בּאַװיליקט, װעט ער בּאַקומען די
קרױן פֿון לעבֿן, װאָס גאָט האָט צוגעזאָגט צו די, װאָס האָבּן
13 אים ליבּ. זאָל קײנער ניט זאָגן, בּעת ער װערט געפּרוּאװט,
איך בּין געפּרוּאװט געװאָרן פֿון גאָט; װאָרים גאָט קאָן ניט
געפּרוּאװט װערן מיט שלעכטס, און ער אַלײן איז קײנעם ניט
14 מנַסֶה. נײערט יעדער אײנער װערט געפּרוּאװט, בּעת ער װערט
גערײצט

15 געריצט און פֿאַרפֿירט דורך זיין אייגענער תּאווה. דעמאָלט טוט
די תּאווה, בעת זי ווערט מעוּבּרת, געבערן זינד; און די זינד, בעת
16 זי וואַקסט אויס, ברענגט דעם טויט. זייט ניט גענאַרט, מיינע
17 געליבטע ברידער. יעדע גוטע מַתָּנה, און יעדע שלֵימותדיקע
מַתָּנה, איז פֿון אויבן, און קומט אַראָפּ פֿון דעם פֿאָטער פֿון ליכט,
ביי וועמען עס איז ניטאָ קיין שום פֿאַרענדערונג, אָדער אַ שאָטן
18 וואָס בייַט זיך. פֿון זיין אייגענעם רָצון האָט ער אונדז געבוירן
דורך דעם וואָרט פֿון אֶמת, כּדי מיר זאָלן זיין אַ מין בִּיכּורים פֿון
19 זיינע באַשעפֿענישן. איר ווייסט דאָס, מיינע געליבטע ברידער.
זאָל אָבער יעדער מענטש זיין פֿלינק צו הערן, פּאַמעלעך צום
20 רעדן, און פּאַמעלעך צום דערצערענען; וואָרים דער צאָרן פֿון אַ
21 מענטשן ווירקט ניט די רעכטפֿאַרטיקייט פֿון גאָט. בכֵן, טוט אָפּ
פֿון זיך יעדע שמוציקייט און איבערבלייַב פֿון רִשעות, און זייט
מקַבּל מיט עֲנִיוות דאָס איינגעפֿלאַנצטע וואָרט, וואָס איז בכּוח
22 צו ראַטעווען אייערע נשָמות. אָבער זייט טוערס פֿון דעם וואָרט,
23 און ניט בלויז הערערס, וואָס נאַרן זיך אַליין אָפּ. וואָרים אויב
עמיצער איז אַ הערער פֿון דעם וואָרט, און ניט קיין טוער, איז
ער געגליכן צו אַ מענטשן, וואָס זעט זיין לייַבלעך פָּנים אין אַ
24 שפּיגל; וואָרים ער זעט זיך אַליין, און גייט אַוועק, און פֿאַרגעסט
25 תּיכּף וואָסער מין מענטש ער איז געווען. אָבער דער, וואָס קוקט
אַריין אין דער שלֵימותדיקער תּורה, די תּורה פֿון פֿרייַהייט, און
בלייבט דערין, און וואָס איז ניט קיין הערער, וואָס פֿאַרגעסט,
נייערט אַ טוער, וואָס ווירקט, וועט אים זיין וואויל אין זיין טואונג.
26 אויב עמיצער מיינט, אַז ער איז פֿרום, און צאַמט ניט זיין צונג,
27 נאַרט ער זיין האַרץ, און זיין פֿרומקייט איז פּוסט. אַ ריינע און
אומבאַפֿלעקטע פֿרומקייט פֿאַר אונדזער גאָט און פֿאָטער איז
דאָס: מנַחֵם־אָבל צו זיין יתומים און אַלמָנות אין זייערע צָרות,
און צו האַלטן זיך אומבאַפֿלעקט פֿון דער וועלט.

ב מיינע ברידער, האַלט ניט די אֱמונה פֿון אונדזער האַר יֵשוּעַ
2 הַמָשִיחַ, דעם האַר פֿון כָּבוד, מיט נשׂיאַת־פָּנים. וואָרים אויב

סע קומט אַרײַן אין אײַער שול אַ מענטש מיט גילדענע רינגען,
און שײנע מַלבּושים, און סע קומט אױך אַרײַן אַן אָרעמאַן אין
3 אָפּגעריסענע מַלבּושים, און איר קוקט מיט חֵן אױף דעם, װאָס
טראָגט די שײנע מַלבּושים, און זאָגט: דו זיץ דאָ, אױף דעם
בּכָבֿודיקן פּלאַץ; און צו דעם אָרעמאַן זאָגט איר: דו שטײ
4 דאָרט, אָדער זיץ אונטער מײַן פֿוסבענקל. צי טוט איר ניט
מאַכן קײן חִילוק צװישן אײַך אַלײן, און װערט שופֿטים מיט בײזע
5 מַחשָבֿות? האָרכט, מײַנע געליבטע ברידער: צי האָט גאָט ניט
אױסדערװײלט די אָרעמע פֿון דער װעלט, צו זײַן רײַך אין אֶמונה
און יורשים פֿון דעם מַלכות, װאָס ער האָט מַבטִיחַ געװען פֿאַר
6 די, װאָס האָבן אים ליב? איר אָבער האָט מבַזה געװען דעם
אָרעמאַן. צי בּאַדריקן אײַך ניט די עַשִירים, און שלעפּן זײ אײַך
7 ניט פֿאַר דעם בֵּית־דִין? צי טוען זײ ניט לעסטערן דעם חָשובֿן
8 נאָמען, מיט װעלכן איר װערט אָנגערופֿן? אױב איר זענט טאַקע
מקַײם דאָס קעניגלעכע געזעץ, לױט דער תּורה: דו זאָלסט ליב
9 האָבן דײַן חַבֿר װי זיך אַלײן, טוט איר גוט; אױב אָבער איר זענט
נושׂא־פָּנים, בּאַגײט איר אַ זינד, און װערט פֿאַרמִשפּט דורך
10 דער תּורה װי בַּעלי־עֲבֵירה. װאָרים װער סע װעט מקַײם זײַן
די גאַנצע תּורה, נאָר װעט אױף עפּעס עובֿר זײַן, האָט ער עובֿר
11 געװען אױף אַלע מִצװות. װאָרים דער, װאָס האָט געזאָגט: דו
זאָלסט ניט מזַנה זײַן, האָט אױך געזאָגט: דו זאָלסט ניט טײטן.
הײנט, אױב דו בּיסט ניט מזַנה, נײַערט טײטסט, האָסטו עובֿר
12 געװען אױף דער תּורה. אַזױ רעדט און אַזױ טוט, װי מענטשן,
װאָס דאַרפֿן געמִשפּט װערן דורך דער תּורה פֿון פֿרײַהײט.
13 װאָרים דער מִשפּט איז אָן רַחמָנות פֿאַר דעם, װאָס האָט ניט
14 אַרױסגעװיזן קײן רַחמָנות; רַחמים טוט זיך רימען קעגן דִין. װאָס
נוצט עס, מײַנע בּרידער, אױב אַ מענטש זאָגט, ער האָט אֶמונה,
נאָר ער האָט ניט קײן מַעשׂים? צי קאָן אים זײַן אֶמונה העלפֿן?
15 אױב אַ בּרודער, אָדער שװעסטער איז נאַקעט, און עס פֿעלט זײ
16 אין טעגלעכער שפּײַז, און אײנער פֿון אײַך זאָגט צו זײ: גײט

בשלום

בשָׁלום; זייט אָנגעוואַרעמט און געזעטיקט; און איר גיט זיי ניט
די זאַכן, וואָס זענען נייטיק פֿאַר דעם לײַב, וואָס טוט עס נוצן?
17 אויך אַזוי איז אֶמונה, אויב זי האָט ניט קיין מַעשׂים, איז זי טויט
18 פֿון זיך אַליין. עמיצער וועט אָבער זאָגן: דו האָסט אֶמונה, און
איך האָב מַעשׂים; ווייז מיר דײַן אֶמונה אָן דײַנע מַעשׂים, און איך,
19 דורך מײַנע מַעשׂים, וועל דיר ווײַזן מײַן אֶמונה. דו גלייבסט,
אַז גאָט איז איינער; דו טוסט גוט. די טײַוולאָנים גלייבן
20 אויך, און ציטערן. ווילסטו אָבער וויסן, דו נאַרישער מענטש,
21 פֿאַרוואָס אֶמונה אָן מַעשׂים איז טויט? צי איז אַברָהם־אָבינו
ניט גערעכטפֿאַרטיקט געוואָרן דורך מַעשׂים, בעת ער האָט
22 מַקריב געווען זײַן זון יִצחָקן אין דער עקידה? דו זעסט, אַז
אֶמונה האָט געווירקט מיט זײַנע מַעשׂים, און דורך מַעשׂים איז
23 פֿולקאָם געוואָרן די אֶמונה. און מקוים געוואָרן איז דער פָּסוק,
וואָס זאָגט: און אַברָהם האָט געגלייבט גאָט, און עס איז אים
פֿאַררעכנט געוואָרן פֿאַר רעכטפֿאַרטיקייט, און ער איז גערופֿן
24 געוואָרן דער פֿרײַנט פֿון גאָט. איר זעט, אַז דורך מַעשׂים ווערט
25 אַ מענטש גערעכטפֿאַרטיקט, און ניט נאָר דורך אֶמונה. איז
דען ניט רָחָב־הַזונָה אויך אַזאַ אופֿן גערעכטפֿאַרטיקט געוואָרן
דורך מַעשׂים, ווען זי האָט אויפֿגענומען די מְרַגלִים, און האָט זיי
26 אַרויסגעשיקט מיט אַן אַנדערן וועג? וואָרים אַזוי ווי דער גוף אָן
דער נשָמה איז טויט, אַזוי אויך איז אֶמונה אָן מַעשׂים טויט.
ג זאָלן קיין סך פֿון אײַך ניט ווערן קיין לערערס, מײַנע ברידער,
2 ווײַל איר ווייסט, אַז מיר וועלן קריגן אַ שווערערן מִשפָּט. וואָרים
אין אַ סך זאַכן ווערן מיר אַלע נִכשָל. אויב עמיצער ווערט ניט
נִכשָל אין זײַנע רייד, דער איז אַן אִיש תָּמים, און איז בכּוח צו
3 צאַמען זײַן גאַנצן גוף. און אויב מיר לייגן אַרײַן צײַמלעך אין
די מײַלער פֿון פֿערד, כּדי זיי זאָלן אונדז פֿאָלגן, פֿירן מיר אויך
4 זייער גאַנצן לײַב. זע, אויך די שיפֿן, הַגַם זיי זענען אַזוי גרויס און
ווערן געטריבן פֿון שטאַרקע ווינטן, דאָך ווערן זיי אַרומגעפֿירט
5 פֿון זייער אַ קליינעם רודער, וואוהין דער שטײַערמאַן וויל. אַזוי

איז אויך די צונג אַ קלײנער אֵבר, און טוט זיך רימען מיט
גרויסע זאַכן. זע, סאַראַ גרויסער װאַלד װערט אונטערגעצונדן
6 דורך אַ קלײן פײַער! און די צונג איז אַ פײַער; אַ װעלט פֿון
אומגערעכטיקײט צװישן אונדזערע אֵברים איז די צונג, װאָס
באַפֿלעקט דעם גאַנצן לײַב, און צינדט אונטער דאָס ראָד פֿון
7 לעבן, און װערט אונטערגעצונדן פֿון גיהנום. װאָרים יעדער מין
פֿון בהֵמות און עופֿות, פֿון שרצים און חַיות פֿון דעם יַם, װערט
געצאַמט און איז געצאַמט געװאָרן דורך דעם מענטשלעכן מין.
8 אָבער די צונג קאָן קײן מענטש ניט צאַמען – זי איז אַן אומרואיק
9 שלעכטס, פֿול מיט סַם־הַמָוות. מיט איר בענטשן מיר גאָט, דעם
פֿאָטער, און מיט איר שעלטן מיר מענטשן, װאָס זענען געמאַכט
10 אין דעם צֶלֶם־אֱלֹהִים. פֿון דעם זעלבן מויל קומט אַרויס בְרָכה
11 און קְלָלה. מײַנע ברידער, אַזױ דאַרף עס ניט זײַן. צי טוט דער
קװאַל אַרויסשפּרודלען פֿון דער זעלבער עפֿענונג זיס װאַסער
12 און ביטערס? צי קאָן אַ פֿײַגנבוים, מײַנע ברידער, טראָגן
אײֵלבערטן, אָדער אַ װײַנשטאָק פֿײַגן? אויך קאָן אַ זאַלצקװאַל
13 ניט אַרויסגעבן קײן זיס װאַסער. װער צװישן אײַך איז אַ חָכָם און
אַ מֵבין? זאָל ער װײַזן מיט זײַן גוטער פֿירונג זײַנע מַעשׂים אין
14 עַניוות פֿון חָכמה. אויב אָבער איר טראָגט ביטערע קִנאה און
שִׂנאה אין אײַער האַרץ, טאָ רימט אײַך ניט און זײַט ניט פֿאַלש
15 צום אֶמת. די דאָזיקע חָכמה קומט ניט אַראָפּ פֿון אויבן, נײַערט
16 איז ערדיש, תַּאווהדיק, טײַװולאָניש. װאָרים װוּ עס איז קִנאה
17 און שִׂנאה, דאָרט איז מהומה און אַלדאָס־בײז. די חָכמה אָבער,
װאָס איז פֿון אויבן, איז קודם־כָּל לויטער, דערנאָך פֿרידלעך,
אײדעל, גרינג צום איבערבעטן, פֿול מיט רחמים און גוטע
18 פֵּירות, אָן ספֵקות, אָן חַניפֿה. און די פֿרוכט פֿון גערעכטיקײט
װערט געזײֵט אין שָלום פֿון די, װאָס מאַכן שָלום.
ד פֿונװאַנען קומען מִלחָמות, און פֿונװאַנען קומען געשלעגן צװישן
אײַך? צי קומען זײ ניט פֿון אײַערע תַּאוות, װאָס פֿירן מִלחָמה
2 אין אײַערע אֵברים? איר גלוסט, און האָט ניט; איר הַרגעט,
און

און זענט מקַנא, און קאָנט עס ניט דערגרייכן; איר שלאָגט זיך
3 און פירט מִלחָמה; איר האָט ניט, מַחמת איר בעט ניט. איר
בעט, און באַקומט ניט, מַחמת איר בעט שלעכט, כּדי איר זאָלט
4 עס אויסברענגען אין אייערע פאַרגעניגנס. איר אויסגעלאַסענע,
צי ווייסט איר ניט, אַז די פרײַנטשאַפט מיט דער וועלט איז
פײַנטשאַפט קעגן גאָט? בכֵן, ווער סע וועט זיין אַ פריינט פון
5 דער וועלט, מאַכט זיך פאַר אַ שׂונא פון גאָט. אָדער מיינט איר,
אַז דער פָּסוק זאָגט אומזיסט: מיט קִנאה גאַרט דער גייסט, וואָס
6 ער האָט געמאַכט רוען אין אונדז? ער אָבער גיט מער חֶסֶד.
איבערדעם זאָגט דער פָּסוק: גאָט שטעלט זיך קעגן די גַדלנים,
7 און גיט חֵן צו די עֲנָוִים. זייט דעריבער אונטערטעניק צו גאָט;
און שטעלט אייך אַנטקעגן דעם שׂטן, און ער וועט אַנטרינען פון
8 אייך. גענעענט צו גאָט, און ער וועט גענעענען צו אייך. רייניקט
אייערע הענט, איר זינדיקע, און לײַטערט אייערע הערצער, איר
9 צוויי־הערציקע. פילט אייער עלנט, און קלאָגט, און וויינט; זאָל
אייער געלעכטער פאַרקערט ווערן אין קלאָג, און אייער פרייד
10 אין טרויעריקייט. דערנידעריקט אייך פאַר גאָט, און ער וועט
11 אייך דערהייבן. רעדט ניט איינער קעגן דעם אַנדערן, ברידער.
דער, וואָס רעדט קעגן אַ ברודער, אָדער מִשפּט זיין ברודער,
רעדט קעגן דער תּורה, און מִשפּט די תּורה. הײַנט, אויב דו
מִשפּטסט די תּורה, ביסטו ניט איינער, וואָס איז מקַיים די תּורה,
12 נייערט איר שופט. איינער נאָר איז דער געזעצגעבער און שופט,
דאָס איז דער, וואָס איז בִּיכולת מַציל צו זיין און אומצוברענגען;
13 ווער אָבער ביסטו, וואָס טוסט מִשפּטן דיין חבֵר? קומט דאָך,
איר, וואָס זאָגט: הײַנט, אָדער מאָרגן וועלן מיר גיין אין דער און
דער שטאָט אַריין, און פאַרברענגען דאָרט אַ יאָר, און האַנדלען,
14 און פאַרדינען, הַגַם איר ווייסט ניט וואָס מאָרגן וועט זיין. וואָס
איז אייער לעבן? וואָרים איר זענט אַ נעפּל, וואָס דויערט אַ
15 ווײַלע, און פאַרשווינדט דערנאָך. אָנשטאָט דעם באַדאַרפט
איר זאָגן: אִם־יִרצֶה־הַשֵם, אַז מיר וועלן לעבן, וועלן מיר דאָס,

16 אָדער דאָס טאָן. אַצינד אָבער רימט איר אייך אין אייערע
17 בּאַרימערייַען; אַזאַ מִין רימען זיך איז שלעכט. בּכֵן, פֿאַר דעם,
וואָס פֿאַרשטייט צו טאָן גוטס, און טוט עס ניט, פֿאַר דעם איז עס
א זינד.
ה קומט דאָך, איר רייכע, וויינט און קלאָגט אויף אייערע צָרות,
2 וואָס קומען איבּער אייך. אייער עַשִירות איז פֿאַרפֿוילט, און
3 אייערע בּגָדים זענען צעפֿרעסן פֿון מאָיל. אייער גאָלד און
זילבּער איז פֿאַרזשאַווערט, און זייער זשאַווער וועט זיין אַן עֵדות
קעגן אייך, און וועט פֿאַרצערן אייער פֿלייש ווי פֿייער. איר
4 האָט צונויפֿגעזאַמלט אייער אוצר אין די לעצטע טעג. זע, דער
שׂכַר פֿון די אַרבּעטער, וואָס האָבּן געשניטן אייערע פֿעלדער,
און וואָס איז פֿון אייך פֿאַרהאַלטן געוואָרן, שרייט אויס; און די
געשרייען פֿון די, וואָס האָבּן געשניטן, זענען אַריין אין די אויערן
5 פֿון יהוה צבָאות. איר האָט וואויל געלעבּט אויף דער ערד,
און געהאַט אייערע תַענוגים; איר האָט פֿעט געמאַכט אייערע
6 הערצער ווי אין אַ טאָג פֿון שחִיטה. איר האָט פֿאַרמִשפּט, איר
7 האָט געטייט דעם צַדיק; ער טוט זיך ניט שטעלן קעגן אייך. זייט
דעריבּער געדולדיק, בּרידער, בּיז דעם קומען פֿון דעם האַר.
זע, דער אַקערער וואַרט אויף דער טייערער פֿרוכט פֿון דער
ערד, און איז געדולדיק מיט איר, בּיז זי בּאַקומט דעם פֿרִירעגן
8 און שפּעטרעגן. זייט איר אויך געדולדיק, שטאַרקט אייערע
הערצער; וואָרים דאָס קומען פֿון דעם האַר האָט גענעענט.
9 מורמלט ניט, בּרידער, איינער קעגן דעם אַנדערן, כּדי איר זאָלט
ניט געמִשפּט ווערן; אָט שטייט דער שופֿט פֿאַר דער טיר.
10 נעמט אייך, בּרידער, פֿאַר אַ בּייַשפּיל פֿון ליידן און געדולד
11 די נבִיאים, וואָס האָבּן גערעדט אין דעם נאָמען פֿון גאָט. אָט
רופֿן מיר אָן געבּענטשטע די, וואָס האָבּן אויסגעהאַלטן. איר
האָט געהערט פֿון דער געדולדיקייט פֿון אִיובּ, און איר האָט
געזען, וואָס גאָט האָט צום סוף געטאָן, וואָרים גאָט איז פֿול מיט
12 רַחמָנות און לייַטזעליקייט. דער עִיקר פֿון אַלץ אָבּער, מיינע
ברידער

בּרידער, שווערט ניט, ניט בּיים הימל, ניט בּיי דער ערד, אויך
ניט בּיי קיין שום אַנדער שבועה; נייערט זאָל אייער יָא, זיין אָ,
און אייער ניין, ניין, כּדי איר זאָלט ניט פֿאַלן אונטער דעם מִשפּט.
13 ליידט עמיצער צווישן אייך? לאָז ער מִתפּלל זיין. איז עמיצער
14 פֿריילך? לאָז ער זינגען שירות ותשבּחות. איז עמיצער קראַנק
צווישן אייך? לאָז ער רופֿן די זקֵנים פֿון דער קהִילה, און זאָלן זיי
מִתפּלל זיין פֿאַר אים, און אים זאַלבּן מיט אייל אין דעם נאָמען
15 פֿון גאָט; און די תּפִילה פֿון אֱמונה וועט מַציל זיין דעם קראַנקען,
און גאָט וועט אים אויפֿריכטן; און אויבּ ער האָט בּאַגאַנגען זינד,
16 וועלן זיי אים פֿאַרגעבּן ווערן. בּכֵן, זייט מִתוַדה אייערע זינד
איינער צום אַנדערן, און זייט מִתפּלל איינער פֿאַר דעם אַנדערן,
כּדי איר זאָלט געהיילט ווערן. די תּפִילה פֿון דעם צַדיק האָט
17 אַ גרויסע און שטאַרקע פּעולה. אֵליָהו איז געווען אַ מענטש
פּונקט אַזוי ווי מיר זענען, און ער האָט מִתפּלל געווען מיט כַּוָנה,
אַז סאָזאָל ניט רעגענען; און סע האָט ניט גערעגנט אויף דער
18 ערד דריי יאָר מיט זעקס חָדשים. און ער האָט ווידער אַמאָל
מִתפּלל געווען, און דער הימל האָט געגעבּן רעגן, און די ערד
19 האָט אַרויסגעבּראַכט איר פּרוכט. מיינע בּרידער, אויבּ עמיצער
פֿון אייך ווערט אַראָפּגעפֿירט פֿון דעם אֶמת, און איינער קערט
20 אים אום, זאָל ער וויסן, אַז דער, וואָס קערט אום אַ זינדיקן פֿון
זיין פֿאַרקרומטן וועג, וועט מַציל זיין אַ נֶפֶש פֿון טויט, און וועט
פֿאַרדעקן אַ סך זינד.